## דער נסתר.

# קלעאפּאטרע.

I

שוין א שטיק צייט, אז קלעאפּאטרע האט אין א זייט אוועקגעלעגט דעם אלטען בסוד בעהאלטענעם כּשוף־בעכער, וואס ווערט איבערגעגעבען פון דור צו דור שטום און שטיל דורך א ציטערדיגער האנד פון א גוסס צו זיין יורש: דעם כּשוף־בעכער, צו וועלכען מען ווענדט זיך בשעת גרויסע ליעבע־רעטענישען און פערוויקעלטע געשעהנישען; דעם כּשוף־בעכער, וועלכען דער כּהן פּוי פון איזיד׳ס טעמפעל האט איהר במסורי־סודות איבערגעגעבען... אין דער זייט איז דער כּשוף־בעכער אוועקגעלעגט: זי ניצט איהם נישט, זי פרעגט איהם נישט.

מיעד און אויסגעמאטערט פון הייסע תאוה־נעכט, שווער־אטעמענדיגע און ציטערדיג־צאפּלענדיגע אומארמען זיך, זיסע, אין זיך פערגעסענדע נשמה־קושען, בּראנדיגע מוליען זיך, שעפּטשען־ליעב און איינרוימען — רוהט איצט אב, רוהט זיך אויס קלעאפּאטרע...

שטיל, ווי פון א שלאף אהן חלומות, שטעהען אויף און קומען אן קלעאפּאטרע׳ס טעג: שוין פארטאג, זאט פון רויגעם שלאף און רוהיגער רוה, הויבען זיי זיך אן ריהרען און וויקלען פּאמעליך די נאכט־ווינטעלאך; קינדעריש ווישען זיי די אויגעלעך אויס, עפענען זיי — און מיט אמאל קוקען זיי שוין אפען, גאנץ קלאר — אין זיך קיין מחשבה, פאר זיך קיין שום מין. שטיל און אהן לשון, פון אלע זייטען, ווי פון זיך אליין, קומען אן און לעגען זיך קלעאפּאטרע׳ס נעכט. שטיל, מיט א שטומען תרעומות־קוק, מיט אנ־ערנסטען מחשבה־קנייטש צווישען די בּרעמען, נעהמט



דער טאג די נאכט אויף זיך און לאזט זיך מיט איהר געהן — נישט אויף שליאך און וועג, נור אין בּרייטען, ווייטען נאכט־סטעפּ אריין...

מיט בלוט פערזאפּט, אומריין און שטומפּיג איז שוין געוועזען די האק פון קלעאפּאטרע׳ס תליין, נור איצט איז די צייט אויף ריינינגען, שארפען און שלייפען די געקומען, ווארום... שוין לאנג־לאנג אז קלעאפּאטרע האט איהרע נעכט פאר קיין קאפּ נישט פערקויפט...

II

ס׳איז פארנאכט. אונטער א שטילען שאטען פון געדיכט־געקידעלטע קיפּאריסען און אקאציעס, אויף שניי־ווייסע מירמעל־שטיין־טרעפּ, אונטער א זיס שפּריי־רעגענדיל פון דינינקע שטויב־טראפּעלעך — שטעהט נאקעט־אויסגעצויגען קלעאפּאטרע. קוויקענדיג, קיהל־הויטדיג, אין איין מאס און אהן אויפהער גיסען זיך די שטויב־טראפּענס אין, פרייש־שמעקענדיגע, זאפּען זיי זיך איין אין די לאנגע שווארצע האר איהרע, גלאטענע, אראב־געלאזענע אויף איהרע פרישע בלוטיג־מארמארנע אקסעל. פון די האר די קראצערע, די יונגערע און פערשיטערע גנב׳ענען זיך אויף יענער זייט, אויף דער זייט פון הארץ און פנים אריבער, בעהאלטען זיך אונטער איהרע הויעס, ברעמען און שטערן, און שעלמיש־שטיפעריש קוקען זיי איהר אין די אויגען אריין; די מעהר עלטערע און לענגערע זעגען צו ברוסט אריבער און ליגען אהנמעכטיג אויפן שטילען, ווייסען ברוסט־פייער, ברייען שטיל אין גלוסטען, גלוסטען און בּרענען... און ס׳געהט זיך און ס׳גיסט זיך דאס שפּריי־

## קלעאָפּאַטראַ.

רעגענדיל אין איין מאָס און אָהן אַנ'אויפהער. און ס'שטעהט אינטער איהם קלעאָפּאַטרע רוהיג-רוהיג, גלייך ווי פֿון דעם אָרט אַרויסגעוואַקסען, ווי פֿערשאָל-טען אדער געבענשט אַזוי אויף אייביג דאָרט צו שטעהן; אייביג וועט געהן דאָס רעגענדיל, און אייביג וועט זי שטעהן, ניר פּלוצלינג... אָהן אַ פריהערדיגער פֿאַר-וואָס, און פֿאַר-ווען-מחשבה איז ביי קלעאָפּאַטרען אין מה „געגנג!" געבוירען געוואָרען. און, שטום און אָהן אַ שום מיין, ווי אַ לעבעדיגע סטאַטוע, האָט זי אַ פֿוס אַ שטעל געטאָן און איז פֿון אָרט אַראָב. שטיל האָבען איהרע דינערינס פריהער אַ וויכען לייליך אויף איהר אַרויפגעוואָרפען, נאָכדעם איהר די לייכטע, ווייסע, ווי פֿון כּהאַליעס-שוים געוועבטע, קליידער אָנגעטאָן, און שטיל-שטיל, ווי אַ פֿערכּשוּפּטע בת-מלכּה, אין מיטען דער לעגענדע, האָט זי זיך געלאָזט געהן אויף די מיט ווייכע סאַמעט-פּלושענע סטעזשקעס געדעקטע טרעפּ, וואָס פֿיהרען צו איהר אין אויבער-שטיבעל.

עס שלאָפֿט וואַכענדיג קלעאָפּאַטרע...

מרוּמעריש-מיעד, מיט אַ זיסער פֿוילקייט אין אַלע גליעדער זיצט זי נעבען פֿענסטער, וואָס קוקט אויפ'ן ים. די האַנד האָט זי אויפ'ן פֿענסטער אַנידערגעלעגט, אויף איהר דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט, זיך פֿערקוקט און פֿערטראַכט. די ווייסע זיידענע פֿאָהנען, וואָס הענגען אַרום און אַרום איהר הויף, האָבען געפֿאָכט און גע-וועיט מיט מרוים און מנוחה. שטיל האָבען זיך מיט זיי די ווינטעלעך געווינטעלט און ליעבע-קאַטאָוועס גע-טריבען... צופֿרידען און נחת'דיג האָבען די כוואַליעס אויפ'ן ים די שיפען געטראָגען: גאַסטפריינדליך, גערן און היימיש האָבען די כוואַליעס זיי איינע פֿאַר דער אַנדערער פֿאַרגעשטעלט און איבערגעגעבען. עס בלאָ-זען אין די ווינטען די ווייסינקע זעגעלעך פֿון די שיפעלעך און הופען זיי אָב אויף אַ סוד האָט-האָט, ווייט אין ים אַריין... און געזעהן האָט קלעאָפּאַטרע, ווי די זון, דאָס האַרץ פֿון טאָג, בראַנדיג, מיט בלוט פֿערלאָפען, האָרפט זיך און טרענקט זיך דאָרט ווייט-ווייט, וואו דער הימעל אין ים פֿאַלט אַריין. און דאָ, דער זון אין פּנים אַנטקעגען, שטעהט [illegible] די נאַכט און מיט אַ קאַלטער אוננעדולדיגקייט האָרט זי אויף



יציאת-נשמה... אויפ'ן עק הימעל האָט זיך נאָך דער זונ'ס וואַרימקייט געפֿיהלט: אויפ'ן האָריזאָנט האָט זיך אַ מיעדע און פֿערמוטשעטע רויטקייט געצויגן. די נאַכט האָט אַ פֿעדער צו יענעם אָרט צוגעלעגט: — מ'וט... און אַ ווינטעל איז פֿון דאָרטען אָנגעקומען און יאַוש-דיג אַ מאַך געטאָן: — שוין... אַ תמעריאַטער, קאַלט-בלוטיגער מתים-שמש האָט זיך באַוויזען: די לבנה איז אויפגעגאַנגען.

קלעאָפּאַטרע'ס האַרץ — ווי פֿון אַ הויך-רחמנות-האַנד פֿערקלעמט — נישט פֿאַרן מויל דאָס ברענגענ-דיג, האָט אין זיך בעטענדיג געפֿרעגט: „גרויסער ראַ!*) ליעבער ראַ: וואוהין האָסט דו די זון פֿערשיקט? — אַהין? וואו איז זי אַהין געקומען? — דאָרט? ווער איז דאָרט? צי וועט שוין אויף אייביג-אייביג היינט נישט זיין?. און די נאַכט? — הייליגע גאָטאַרעס!**) — ווער האָט זי געבראַכט? —

און אַ לייכטע קיהלקייט האָט קלעאָפּאַטרען דורכ-גענומען. אַ קליין פּחד-שרצ'ל איז דורכגעגאַנגען אין דער ברייט פֿון איהר הוט-השדרה... אַ ציטערדיגער קראַמפּ-וואָרף איז איהר דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען גוף ביז אין די האַר-וואָרצלען: האַאַאַ... קלעאָפּאַט-רע האָט זיך אָן מאָרגען דערמאָנט. זי האָט דעם היינט אַרומגעכאַפּט און ציטערנדיג זיך צו איהם אַ טוליע געטאָן... — — — —

אין דער צייט האָט זיך אַ ממזר-ווינט, — דער רוח ווייס, ווער זיין טאַטע-מאַמע זענען, — פֿון ערגיץ נישט אין פֿון אומעטום, אויפ'ן ים זיך אויפגעכאַפּט, מיט'ן ים זיך ריצען גענומען, און איהם זיין מנוחה שטערען. ערנסט איז דער ים געוואָרען. נישט קיין קאַטאָוועס טרייבט דער ווינד מיט די פֿאָהנען... די שיפעלעך, מיט נישט קיין אַרויסגעוויזענער איילעניש, גאַרטיבען פֿון פּחד'ים אַנ'ערנסטען קוק, פֿון אַלע עקען הייזען זיך און קוקען הינטערווייליכס צום ברעג צו... אַ געפֿיהל אָהן אַ נאָמען, וואָס ביי זיך זעלבסט מאַכט אין ווייס

---

*) דער אַלט-עגיפּטישער גאָט [illegible] דער [illegible].

**) דאָס איינציגע, וואָס אין גריכענלאַנד פֿאַר עס — מיל עטינס.

ניט וואָס, דאָט אונטער איהר האַרץ אָנגעהויבען וויגען, און קאַרטשען זיך פון וועהטאָג. דאָס געפיהל האָט געוועקט זײַן האַרץ, זײַן מיין, און געוואָלט עס אַרויסרעדען. עס האָט זיך געקנײַטשט, געקאַרטשעט, געוואַרפען זיך, און דערווײַל געוואַקסען און געוואַקסען... ענג איז פאַר איהם קלעאָפּאַטרע'ס האַרץ געוואָרען, איהר האַנד האָט זיך אָנגעשטאָלט און זײַן מותר איז אין איהר פויסט אַרײַן — נאָר קאַרג: דאָס געפיהל וואַקסט מעהר און מעהר, עס האָט זי אַ נעהם געטאָן פאַר'ן גאַרגעל — אָט דערווערגט עס זי... נור דאָ האָט זיך קלעאָפּאַטרע פון איהר אָרט אַ הויב געטאָן און מיט'ן גאַנצען כח אַ שרעקליכען האַאַ־געשריי אַרויסגעלאָזט... קלעאָפּאַטרע האָט זיך פאַר'ן אייגענעם קול דערשראָקען און האָט זיך צו זיך אַ כאַפּ געטאָן.

די לבנה האָט באַמערקט, אַז דער ים איז עפּיס צודרעהט און אומרוהיג, און מורא האָבענדיג איהם פאַר די אייגען זיך ווײַזען, האָט זי זיך עניות'דיג אונטער אַ וואָלקען אַרונטערגערוקט.

נאָר טיעף־טיעף, בײַ קלעאָפּאַטרען אין גאָרטען, האָט פון אַ קליין שטיבעלע געלויכטען, און ס'האָט זיך געהערט אַ רײַבען פון אײַזען אָן שאַרפשטיין... דאָס האָט קלעאָפּאַטרע'ס תלין דאָס האַק־שאַרפען פאַרענדיגען זיך געטמען...

III

שפּעט אין אָבענד, — ווען דער דרויסען האָט זיך שוין דעם ים־געריש אָנגעהערט, און די דרויסען־ברוסט האָט זיך מיט'ן ים־אָטעם אָנגעאָטעמט, דערפיהלט זיך פּעסטער, ברוינער און געוואַרט אויף גרעסערס, גרויזאַמערס, — איז בײַ זיך אין סעראַפּעאומער פּאַלאַץ, וואָס אַרום איהם ריינע טײַכעלעך זיך שלענגלען און זאָגען איהם פאַנטאַנען דערצעהלען, — און אַלטע צעדערן, לינדעס, פיכטעס שטעהען יאָהרען־לאַנג אין הערען, — אין סעראַפּעאומער פּאַלאַץ, בײַ זיך אין שלאָף־צימער, אויף אַ קלאָר־ווײַס זײַדענעם געלעגער, אין אַ נאַלדענעם בעטיל, פערשטעלט פון נעצען־ווענטלעך, געוועבט פון דינסטע זילבער־פעדימלעך, ווי שפּינוועבס, איז אין ווײַסען, לײַכטען, דורכזיכטיגען קלייד אין קאַפּטעל געלעגען און געשלאָפען קלעאָפּאַטרע.





אין אויסגעזעהן האָט זי, גלײַך ווי איהר אייגענע שטילע מחשבה, וואָס האָט זיך אין ווײַטען סטעפּ פערבלאָנדושעט, האָט זי דאָ פערגעסען און איבערגעלאָזען: איין האַנד אונטערן קאָפּ געלעגט, די צווייטע פון בעט אַראָבגעהאַנגען און צום באָדען נישט דערגרייכט. שטיל, זיך אַליין נישט פיהלענדיג, האָט די שטילקייט אין די שהאַלע צימער־ליכט באַלאַגערט די פון איידעלע זילבער־פעדימלעך געוועבטע נעץ־ווענטלעך און געקוקט דורך די שפּאַרינקעלעך אויף קלעאָפּאַטרען. די פולינגע ווײַסע זײַדענע הערעלעך אויף קלעאָפּאַטרעס באַק האָבען דערפיהלט אויף זיך דעם קוק־אָטעם: איהר באַק האָט זיך רויזען־ליליען־בושה'דיג פערשעמט.

כמעט־אומ'ש, ווי פערגליווערט, ווי אָהן אָטעם אין די נעזלעכער, ווי אינער דעם צווייטען נישט מערקענדיג, מיט נאַקעט־שאַרפע שווערדען אין די הענד, בײַ דעם עטהאָם צינומענעם פאָרהאַנג, וואָס טיילט אָב קלעאָפּאַטרע'ס שלאָף־צימער פון דעם אַלבאַסטער־זאַל, — זענען צוויי עטיאָפּישע סריסים געשטאַנען. און דאָרט, אין אַלבאַסטער־זאַל, וואָס שוואַרצע מירמעל־שטיינערנע קאָלאָנעס שפּאַרען איהם אונטער, טיעף־טיעף, דאָרט אין עק, פּינקט אַנטקעגען קלעאָפּאַטרע'ס געלעגער, איז אַ קליין שטוב־מזבח'ל געשטאַנען; אויף איהם האָט אַלע ווײַלע אַ קליין פײַערל, אונטער דער שטומער טונקעלקייט אין שוואַרצע רויך־שטראָמעלעך פון ווײַרויך־געווירצען, זיך שטיל פערטראַכט און ליכטיג אויפגעכאַפּט. און אויסגעדוכט האָט זיך: אָט באַלד וועלען זיך פון אונטער און אַרום דעם מזבח'ל ווײַס־געקליידעטע פײַען באַווײַזען, פאַר די הענד זיך נעהמען און זייער שטילען־שטילען נאַכט־טאַניץ טאַנצען. און דאָס מזבח־פײַערל האָט איבער דער גאַנצער שטוב, אויף ניט הערבאַרע און ניט זעהבאַרע פליגעלעך, ווייכען בשות, נאַכט־שטילקייט, לעגענדע־מנוחה און שלעפעריגע ריחלעך געשפּרייט... שאַ־שאַ... און דער ים־געריש אין דאָס באַליע־פלעסקען, דורכגעהענדיג דורך נאַכט־אין שמח־אָרן, זענען צו קלעאָפּאַטרע'ס שלאָף־צימער געקומען, ווי מוזיק פון ווײַט־ווײַט, פון הינטער

ווייסע און הויכע בערג אויף א ברייטען־ברייטען סטעפ... רוהיג, רוהיג און פאמעליך האט זיך די לבנה דורך די הינטער ווייסע וואלקענדלעך געשוואוימען, געטוקט זיך און אין ליכט און פינסטערניש געשפילט זיך: אריין־ארויס, אריין־ארויס... שא־שא... טיק־טאק... און די סעקונדעס האבען זיך דורכ'ן טיק־טאק־טירעלע פויל און שלעפעריג דעם חלום־פאדים געוועבט: טיק טאק, טיק־טאק...

און קלעאפאטרע האט געחלומט: —

— ווייטע יוגענד, זיסע, ריינע יוגענד... רוהיג־רוהיג איז איהר טייכעלע, בלאה און שפילענדיג זיינע כוואליעלעך... פארנאכט איז... און זי, אין א גרינג שיפעלע פון נישט קיין געוועהנליכע הענד געטריבען, טראגט זיך, שוועבט, הוידעט זיך: אט א בערגעלע — דערמאנט זיך, אט א אינזעלע — עס בענקט זיך, ווייטער־ווייטער — דאס איז העלען, פארביי ווייטער — וואקסען, און די ברעגעלעך — דאס איז לעבען. און דאס שיפעלע עס וויגט זיך, שלאפט און שלעפערט איין... און דער הימעל — בלאה, און דאס וואסער — שווארץ, און די לופט — ווי לינד... אויפ'ן הארץ — ווי גוט... און דעם הארץ — ווי זיס...

עס האט עפיס, ווי יא און ניט ביי קלעאפאטרען אין פענסטער אנגעקלאפט. דאס איז א ווינד געווען... און דער חלום האט ווייטער זיין פאדים געצויגען... קלעאפאטרע האט געחלומט: —

אין א גרויסען גארטען, וואס איז מיט אלערליי בלומען און ביימער באוואקסען, וואו פאנטאנען גיסען, ברינענדלעך קוואלען, וואו שענע פאוועס רוהיג שפאצירען, טייבעלעך נעסטלען זיך, — אינטער אנאלטען צעדער, ביי טיש און באנק פון שטיין געמאכט, זיצט איהר אלטער לעהרער, אנאלטער גריכישער געלעהרטער און זי איהם געגענאיבער. ער — די מאנטיע אויפ'ן אויפ'ן אקסעל פערווארפען, און די הענד א פאפירוס — זיצט און רוהיג לייענט. זי — היימיש, גרינג געקליידעט, דער עלענבויגען אויפ'ן טיש, דער קאפ אויפ'ן האנד אנגעשפארט — זיצט, אויף איהר לעהרער קוקט און הערט זיך איין... שטיל איז ארום... און דער לעהרער לייענט פון פאפירוס: — „און אזוי האט געלערענט עפיקור: דאס העכסטע און בעסטע גליק איז רוה, נשמה־רוה"... לויטער, שען פערטראכט זיין שטערן, ערנסט, קלוג — זיין ווארט. זי פרעגט, ער ענטפערט איהר, און ס'האט זיין נאמען יעדע זאך דאן, און זיין אנהויב האט און האט זיין סוף... און אויפ'ן הארצען ווערט גרינג, די נשמה — צופרידען און רוהיג...

שטארק, שוין אויף געהיס און ערנסט האט דער ווינד אין קלעאפאטרעס פענסטער אנגעקלאפט — און פערטשעפעט האט זיך שוין דער שפינדעל ביים חלום אין האנד... דער חלום האט פון דער פערדרעהטער און פערפלאנטעטער פערגאנגענהייט שוין שטיקלעך און פיצלעך געשלעפט און געצופט: —

אט איז איהר פאטער, „דער פלייטיסט", ווען מען האט איהם פון מצרים פערטריבען, זיך צוריק קיין אלכסנדריה אומגעקעהרט... אט איז איהר חתונה מיט איהר אייגענעם ברודער פטאלאמייען... זי טראגט די שווערע קרוין פון ביידע העלפטען — העכערען און נידעריגען — עגיפטען... זי מישט ווין מיט גיפט אויס דעם אייגענעם ברודער סמ'ען... זיין טויט... קנאה, שנאה און אינטריגעס מיט איהר שוועסטער... אויפשטאנדען, מרידות און פערשווערונגען...

הוהוהוהו — — האט א דערשראקענער און שרעקענדיגער ווינד פארביי קלעאפאטרעס פענסטער זיך דורכגעטראגען... הו—הו—הו—הו: — שטעה נאר אויף... עפען... זעה נאר, וואס אין דרויסען טוט זיך... ——— ... ——— ... ———

דערשראקען האט די פערשמאלטע צויבער־ליכט און די שטוב־שטילקייט אויף קלעאפאטרעס מינע געהארט... צוויי טונקעל־זידענע הויעס האבען זיך אויפגעהויבען, און צוויי טיעפע נעכט, בעהילטע מיט שלאף מיט וואונדער און מיט „נישט־וויסען ווער, וואס און פון וואנען" — האבען די אויגען געעפענט... און איידער די שטילקייט האט זיך א ריהר געטאן, האט קלעאפאטרע דעם קאפ צום פענסטער צו אויסגעדרעהט, מיט די אויגען די נאכט־טיעף א מעסט געטאן און די אויערען צום דרויסען צוגעלעגט... הו—הו—הו—הו—האט זיך א שטורם צו

איהר אין פענסטער געריסען און זי, ווי אויף ראנגלען זיך אין די כּחות מעכטען אין דרויסען ארויס־געראָפּען...

— און א פלוצלונגע פרייד־מוזיק, פון א מיט־אמאָליגען אנקום פון כּחות, האט קלעאָפּאטרען אין הארצען א שפּיעל געטאן, און טיגעריש־פלוצלונג האט זי זיך א כאפּ געטאן פון בעט אראָב, צום פענסטער צו, א מעכטיגען שטופּ און א עפען געטאן: זי האט אין דער נאכט א פּאר פליגלען צולאָזט, און א וועג צו זיך געמאכט פאַר׳ן יאָגענדיגען נאכט־שטורעמען און ים־אָטעם. און קלעאָפּאטרע איז פאַר זיך אליין ענג געוואָרען: זי האט געוואָלט דעם ים אין זיך דערפיהלען, מיט איהם שטורעמען הימעל־הויך, מיט איהם ברויזען אָב־גרונד־טיעף... זי האט די הענד אין דער ברייט א צונעהם געטאן, שטייף און מעכטיג די צוויי פּערביסען, א פּוס אהויב געטאן און אין באָדען — טרא—ך—ך—ך — און א ציטער איז דורך דעם גאנצען פּאלאץ דורכ־געגאנגען. די טריטים, וואָס זענען פון יענער זייט טיר געשטאנען, האבען זיך מיט אמאָל, גאנץ־קערפּערדיג איבערדעהט, דורכ׳ן צוטמענעם פאָרהאנג די קעפּ אריינגעשטעקט און הכנעהדיג — די שטומע, אויף בעפעהל־ווארטענדיגע אויגען אויף קלעאָפּאטרע׳ן אנגעשטעלט — און געוואַרט...

— אירא׳ן און כארמיאָנע׳ן*) רופט באלד אריין!

— האבען זיי א בעפעהל בעקומען. און ווען די צוויי דינערינס, דערשראָקענע און אויף־גיך־אנגעטאָנענע, זענען מיט אמאָל געקומען און שטייף צו איהר צו, — האט קלעאָפּאטרע צו זיי אזוי געטאן: —

— תיכף זאָל דער גאנצער הויף אויפגעוועקט ווערען! כּנוף**) מיט זיין אָרקעסטער און מעטראָדאָר***) מיט די הויף־טענצערינס זאָלען באלד אין אלבּאסטער־זאל זיין!! — —

---

*) Jra et Charmio — קלעאָפּאטרע׳ס געטרייסטע דינערינס, וואָס האבען מיט איהר אינאיינעם געלעבט און געשטאָרבען. (פּלוטארך)

**) אנטאָניו׳ס געליעבטער פלייטיסט.

***) אנטאָניו׳ס טאנצמייסטער.



ס׳איז פונקט האלבע נאכט געווען. און אין אלבּאסטער־זאל איז שוין די מוזיק אויף איהר אָרט געווען. די טענצערינס האבען א ראָד געמאכט — קערפּערס, אין גרינגען ווייסען, דורכזיכטיגען זיידענס אנגעטאָן, מיט פּארמעטענע פּייקעלעך, בעהאנגענע מיט ווייסען, גרינגען, ווינטעלדיגען טיול אין די אויפגעהויבענע לינקע הענד, און די רעכטע — אין זיי א קלאפּ טאָן גרייט. אין דער ראָד, ביי א זייט, איז קלעאָפּאטרע געשטאנען. שא—שא... ים און ווינד, ווי א בייזע חיה פאַר דער לעצטער אנפאל־מינוט, האבען זיך, איינשרומפּענדיג עטוואָס, צוריק א נעהם געטאן און געלאָקערט... שא—שא... פלוצלונג... — און טיעף־טיעף פון קלעאָפּאטרעס גארטען האט זיך א שרעקליך־משונהדיג קול, ווי אינאיינעם מיט׳ן נאָרגעל אויף צווייען איבערגעהאקט — דערהערט... דאס האט קלעאָפּאטרע׳ס תלין שוין די פארטיגע, אנגעשארפטע האק אויף דעם קאָפּ פון א משוגענעם הונד געפּרובט...

IV

... נאָך שטילער און געשפּאנטער איז די שטילקייט געוואָרען... קלעאָפּאטרע׳ס שלאנגיג־ביגזאמער קערפּער האט זיך מעלאָדיש א קוים־בעוועג געטאן, קאָפּ צו אקסעל עטוואָס א נייג, אלע טענצערינס דאס אייגענע, און מיט אמאָל אין די פּייקעלעך א קלאפּ... פון אָרט זיך א ריס... און... קלעאָפּאטרע אין און מיט דער ראָד איז אוועק, א וועק... — מוזיק, ים און שטורם — זיי נאָך: הו—הו—הו—הו — נאָך־נאָך, גיך־גיך, ווייט־ווייט: מיט׳ן אויג נישט צו דערזעהן, מיט׳ן אויער נישט דערהערען —— ... —— ...

דאס האט זיך ערגיץ ווייט־ווייט אויפ׳ן פערפרוירענעם ים די תאוה, דעם אשמדי׳ס געפאנגענע, פון איהרע אייז־קייטען אָבגעריסען און אין דער וועלט אריין אוועק. פויק און טאצען האבען א ליאַרם און געפּילדער געמאכט. פויק איז אויף ווייטע דינגע שד־ישע פּיסלעך, דעם אשמדי צו וויסען געבען, אין אונטערגרונד אוועק... און דעם מלך פון אלע שדים האט א גרוילזאמע ווילדקייט א נעהם געטאן, א בראנדיג־גיפטיגער

כעס האָט אין האַרץ אידם אַ בים געטאָן. אַ געשריי האָט ער געגעבן — די וועלט־יסודות פאַרציטערט געוואָרן. טרומייטען האָבן באַלד פון דער גאַנצער וועלט זיינע דינער צונויפגערופען... דער אַשמדי איז פון אונטערגרונט אַרויס. נאָך אידם, אויף שטורמישע פליגעל געטראָגן, האָבן זיך אַלערליי שדים, שטוב־און וואַלד־רוחות און וואַסער־טעכטער, מכשפות, מחבלים און מזיקים זיך אַלאָז געטאָן — אויף הילף צו זיך דעם ים גענומען, וואָלקען געטריבען, ווינד־און שטורם־טירען געעפענט און אויף דער וועלט אַרויס: הוי—הוי—הו—הו... און בערג און טאָל — פאַרביי, וועלדער, פעלדער און מדבריות — אַריבער, דורך סטעפּעס און טונדרעס — הו—הו—הו—הו... נאָר דער באַס, דער אַלטער מכשף, מיט די אָבגעטומענע פיס, איז אין דערהיים געבליבען, אויפ'ן אייזען ליגט און ברומט און וואַרטשעט...

און אין אַלבאַסטער־זאַל האָט זיך שטורמיש־אָטעמענדיג אַ ווייסע ראָד געטראָגן, און איהר עפּיס פּשיפּדיגעס, — אַט באַווייזט זיך עס, פערשוואונדען ווערט... און דערזעהן האָט דער אַשמדי, אַז ניט אַזוי ווערט ער די תאוה דעריאָגן קאָנען, און ער האָט זיין מחנה צוטיילט: פידעל, פלייט, קלאַרנעט זאָגן, אויף זי צו לאַקערן, און אַ זייט פערגאַנגען. באַס און שווערען פויק האָט ער פאַר זיך געשיקט. אַליין דער אַשמדי מיט טרומייטען האָבן כלומר'שט מיעד זיך אָבגעשטעלט און געסאָפּעט. פויק איז שטיל און פלינק אויף זיינע דינע שדים־פיסלעך הינטען אַרום פערלאָפען... —— שטילער, שטילער: פידעל לאַקערט... שטילער, שטילער: פלייט, זי נאַרט... און אין דער ווייסער ראָד האָט זיך די זאַך, די פּשופּדיגע, זיכערער אַרויסגעוויזען. געשפּאַנט קוקט דער אַשמדי... שטיל: דער פויק איינגעבויגען לאַקערט, שטילער גנב'עט זיך, שטיל און נאָך אַ ביסעל — אַט, שטיל און נאָך איין טריט — אַט־אַט! און — הו—הו—הו—הו — מוזיק אין אימפּעט טריאומפירט: „געכאַפּט!" — ניין! אין אַ „איך" האָט זיך די תאוה פערוואַנדעלט, פון די הענד זיך אויסגעדרעהט און — אַוועק־אַוועק!.. מוזיק האָט דעם קאָפּ פערלאָרען, מבויש און ביי זיך אַראָבגעפאַלען איז איהר טאָן...



און אויפגעלעגט־נצחונדיג, דאָך פאַרזילטיג און צעגערייט — דער מוזיק אַנטקעגען — איז אַרויס קלעאָפּאַטרע. אויפ'ן ברוסט עטוואָס, אויף דער זייט עטוואָס דעם קאָפּ געניגט, לייכט שטעהענדיג, לייכט געהענדיג, שטאָלץ און קוים זיך רירענדיג, הויך דעם פויק אין האַנד — אַנטקעגען מוזיק געהט קלעאָפּאַטרע.

און אַ טראַכט האָט געטאָן דער אַשמדי און...

כ'איז אַ יונגע, פרישע, פון טרוים געוועבטע, מאַי־נאַכט. אַ יונגע, צאַרטע מיט האַרץ־בענקעניש און גליקבענקעניש אָנגעזאַפּטע ליעבע־נאַכט. צוויי נאַכטיגאַלען — פלייט דער „ער", קלאַרנעט די „זי" — טעף־טיעף ערגיץ אין אַ גאָרטען, צאַרט־ליעבענדיג, שפּילען... און ס'מיינט די ערד, אַז אַלעס, וואָס אויף איהר, און ס'מיינט דער הימעל, אַז אַלעס, וואָס אונטער איהם, האָט זיך זיין פאַר געפונען, וויסען זיך און ליעבען זיך. און בעווייזען אויס איצט הימעל און ערד, ווי ליעבע פאָטער און מוטער, וואָס האָבען נאָר־וואָס זייער כשר קינד, די כלה מיט'ן חתן אין שלאָף־צימער אַריינגעהן געזעהן, און ווי פון דער זייט שטעהען, קוקען שטיל, ליעב־געטריי זיך איבער, געהען זיך צונויף, טוליען זיך ליעב־ליעב און אין דער איינענער זיסער הענד דערמאָנען זיך... אַליין און עלענד דאָך איז פידעל. עלענד און אַליין האָט ער זיך אין דער וועלט אַוועקגעלאָזט... שאַ־שאַ... פידעל הערט זיך צו זיין טרויעריגען האַרץ־מאָטיוו צו. שאַ־שאַ... פון דער טיעף פון זיין געזאַנג געהט אַ בילד אויף: ——...——

ווייט־ווייט אויפ'ן האָריזאָנט... ווי פון אַ שטילען שפּרוך אַרויסגעהויבען, ווי פון זיך אַליין און פון אַלע וועלטען קומט אָן, געהט אויף אַ צאַרטע, אידעלע געשטאַלט פון אַ יונגלינג — אַ צאַרטער חלום פון אַלע וועלטען. טרוים־בעגייסטערונג און וויכע מעלאַנכאָליע איז דעם יונגלינגס קערפּער, אַ זיסער ליעדער־ריטם זיינע טריט. ליעבע אויגען־ברכות און באַמע־וואונשען וויכע כטעושקעס פאַר אידם שפּרייטען. עס געהט אויף, עס קומט אָן, אַלץ מעהר און מעהר אויפ'ן האָריזאָנט בעווייזט זיך די געשטאַלט די זיסע פון דעם יונגלינג. לייכט און וויך מיט זיין ליכטער האַנד צו זיין יונגער ברוסט אַ זיסע האַרפע דריקט, און די ריטם־

פֿינגער פֿון זײַן רעכטער הענד לײַכט מיט די האַרפֿע־סטרונעס שפּילען זיך, און אַרויס פֿון דער האַרפֿע רופֿען זיי ווייכען כּישוף, נעבעל־צויבער...

און אין אַלבאַסטער־זאַל האָט עמיצער קלעאָפּאַטרען די פּאַרן אַקסעל אָנגעריהרט. זי האָט זיך צוריק אַ קעהר געטאָן, און אַ פּאָר שטומע אויגען און אַן אויסגעשטרעקטע האַנד האָבען איהר אויפֿ׳ן האָריזאָנט אָנגעוויזען: דער נאַר... דער נאַר... קלעאָפּאַטרע האָט דעם אויער צוגעלעגט, זי האָט דערהערט, זיך צוגעהערט און זיך אײַנגעהערען אַוועקגעשטעלט.

ווייכע ווינטעלעך האָבען לײַכט איהר הוילען, ווייכען לײַב געריצט. ווי אַ ווײַס פּיליג־פֿעדעריל, מתיקות־דיג און גלעטענד־רייצענדיג, איז איבער איהר האַלז און נאַקען דורכגעגאַנגען. אַ זיסער שלאָף און אַ גרינגער כּוח האָט זיך איבער איהר גאַנצען קערפּער צעלאָזען. איבער איהרע אויגען האָבען זיך די ווייעס אַראָבגעלאָזט, און אַזוי האָט זי נאַכט־וואַנדלעריש, דורך הייסקייט און מעלאָדישע געצויגען, צו דער האַרפֿע זיך געהן געלאָזט.

און דער יונגלינג, ווי דורך אַ פֿרעמדענס ווילען אָנגעצייכענטע סטעזשקע, מיט פֿערמאַכטע אויגען, זיך נאָכגעבענדיג, זיך אײַנגאַנצען איבערגעבענדיג, איהר אַנטקעגען געהט. אין סיבעט די האַרפֿע זײַנע רחמים בײַ אַלע וועלטען אויף זיך און אויף זיי, בעט, הענד און האַלבען גוף אין לופֿט שטרעקט אויס: ליעבע אָרעמס, האַרץ און געטרײַשאַפֿט, און דער נאָהענט פֿיהלען זיך, נאָהענט אָטעמען. און ער גיט זיך דער נאָהענט איבער אײַנגאַנצען, אויסגעהענדיג: אוי־אוי...

שטיל אין אַלין מעהר און מעהר האַרפֿע און קלעאָפּאַטרע זיך דערנעהענטען...

פּלוצלונג... און אָהן קיינעמס האַנק, — האָבען האַרפֿע און קלעאָפּאַטרע פֿון דערווײַטענס זיך דערפֿיהלט. האַרפֿע איז אין כּלות־הנפֿשדיגען סטרונע־אויסגאַנג זיך פֿערגאַנגען, אויסגעגאַנגען און אַנטשוויגען געוואָרען. —— צופֿרידען קוקט דער אַשמדי... מוזיק — ברומט, שלעפֿערט, איבערן לײַב מוזיק־פֿליגעלעך לאָזט אָב, מויך־ווייך לײַב און בלוטען רייצט, נאַרט, צודט, רוימט אײַן און זאָגט צו...





אין שטיל־שטיל, — ווי צווישען אײַנגעשלאָפֿענע אַראַלטע וועלטען נײַע וועלטען שאַפֿענדיג, — איז טריט בײַ טריט, טריט אין טריט, נשמה־טריט — דעם יונגלינג אַנטקעגען געגאַנגען קלעאָפּאַטרע... און אָט: נאָך איין טריט נאָר, איין אָרים־אויסשטרעק איז צווישען זיי. און דער יונגלינג האָט די האַרפֿע פֿון האַרצען צוגענומען: ער האָט פּאַמעליך די הענד צונומען, רחמים־דיג דאָס האַרץ אויסגעשטרעקט... און אָנגעהויבען האָט זיך תּאווה׳ס. עלאַסטישער קערפּער לײַכט זיך בויגען, נייגען און צום יונגלינג ווייך זיך ציהען: שטיל אַ בויג — שאַ־שאַ... לײַכט אַ נייג — באַלד־באַלד, נאָך איין ריהר — און אָט! אָט־אָט פֿאַלט זי אין כּישוף־נעץ אַרײַן... אויף אַ האָר הענגט אַשמדי׳ס געדולד... אָט־אָט! און נישט אויסגעהאַלטען האָט שוין מוזיק: פֿון דער טיעפֿעניש פֿון איהר האַרצען האָט מוזיק אַ פֿרייד־געשריי אַ ריס געטאָן — און לופֿט און אויער האָבען שוין אַ שרעקליכען וועה־געשריי דערהערט... תּאווה האָט דער מוזיק׳ס האַרץ־פֿרייד דערפֿיהלט און אין דער לעצטער רגע מיט אַמאָל די אויגען אַנטפֿען געטאָן, און איידער אַשמדי האָט זיך אַ כאַפּ טאָן געריהרט — אַ שלאַנג־וואָרף אין דער זײַט האָט זיך תּאווה געטאָן, איהרע ווײַסע, שאַרפֿע צײַן אונטער דער לינקער ברוסט פֿון אַ נעבענשטעהענדיגער פֿיי אַרײַנגעשטעקט, טיעף און שאַרף אין איהר האַרץ פֿערביסען, זי אַ נעהם, פֿון אָרט אַ ריס געטאָן — אַוועק־אַוועק...

———...——— די־הו־הו־הו — האָט זיך אַשמדי, וואָלקען, ים און שטורם, בעגלייט פֿון טויט און אומגליק, אויף דער העלט זיך אַ לאָז געטאָן: הו־הו־הו־הו——איביגע וועלדער האָט ער מיט׳ן וואָרצעל אויסגעריסען, שטורמען אויפ׳ן ים האָבען זעגעלעך געפֿליקט, שיפֿען צעשמעטערט און יאוש־געשרייען אין די גאָרגלען דערשטיקט. פֿון די פֿון זאַמד־שטורמען פֿערשאָטענע קאַראַוואַנעס און זייערע בעגלייטער האָט דער ווינד נאָר אָבגעריסענע שטיקלעך לעצטע אַללאַ־געשרייען געלאָפֿט ———

כ׳איז שוין שפּעט אין דער נאַכט געוועזען. ——

אין שטאַלין, פֿערוויכערט און נצחונדיג איז תּאווה, מיט איהר רויב אין די צײַן פֿערקלעמט, אויפ׳ן אַ הוי־

## קלעָאפּאַטרע.

פֿען באַרג אַרויף... מוזיק און שדים — מיט'ן אַשמדי בראש, וועגען מיט, אויסגעמוטשעט, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ אין הכנעה־דיג, צופֿוסענס פֿון באַרג און תּאווה אויף די קניע געשטאַנען... — און די תּאווה פֿאַר קעניגין איבער שדים און אונטערגרונד געקרוינט... ——

— — — — — — — — — — — —

שטיל איז אין אַלבאַסטער־זאַל... און דאָס שוואַכע ליכט פֿון קלעָאפּאַטרע'ס שלאָף־צימער, ווי מיט היסער תּאווה אָנגעזעטיגט, קוקט אַרויס מיד, אויסגעמוטשעט און אָבגעלאָזען... ——— ———

———

און ווען דער מאָרגענשטערן איז אויפֿגעגאַנגען, האָט ער געזעהן, נישט ווײַט פֿון קלעָאָפּאַטרע'ס גאָרטען בײַם ברעג טײַך, אַ מענשען אײַנגעבויגען שטעהן אין אַ פֿערבלוטיגטע האַק שווינקען... ——— ———

דאָס איז קלעָאָפּאַטרע'ס תּלין געווען.

**דער נסתּר**

